**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/29/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער האקול מעלדט די אנפאנג פון ערשט-מאליגע וועטעראנס מאביל אוטריטש צענטערן**

***ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון וועטעראנען'ס סערוויסעס פאנגט אן די ערשטע וועטעראנס מאביל אוטריטש צענטער ביי די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר די וואך***

***מאביל אוטריטש מעגליכקייטן וועלן טרעפן מענטשן וואו זיי זענען, העלפנדיג מער פארבינד וועטערנס, מיליטער מיטגלידער, און מיליטערישע פאמיליעס מיט זייערע פארדינטע בענעפיטן***

***נאך צוויי וועטעראנס מאביל אוטריטש צענטערן וועלן סטאנציאנירט צו ספעציעלע אינצידענטן און געמיינדעס ארום ניו יארק סטעיט אין די קומענדיגע חדשים***

גאווארנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די אנפאנג פון ניו יארק סטעיט'ס ערשט-מאליגע וועטעראנס מאביל אוטריטש צענטערן, אויסשטאטנדיג די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון וועטעראנען'ס סערוויסעס מיט א פלאטע פון דריי וויהיקלס אייגנארטיג אויסשטאפירט צו העלפן וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער, און מיליטערישע פאמיליעס אין יעדע לאקאציע דורכאויס די סטעיט. די ערשטע פון DVS'ס נייע מאביל אוטריטש צענטערן וועלן זיין פלאצירט ביי די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר היינט, וואו עס איז גרייט צו סערווירן וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער, און זייערע באטייליגנדע פאמיליעס. נאך צוויי מאביל אוטריטש צענטערן וועלן זיך עפענען אין די קומענדיגע חדשים.

"די אינאוואטיווע צענטערן זענען א באווייז צו אונזער שטאנדהאפטיגע פארפליכטיגונג צו סערווירן די וואס האבן זיך איבערגעגעבן אונז צו סערווירן. דורך ברענגען וויכטיגע סערוויסעס גלייך צו אונזערע וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און זייערע פאמיליעס, פארזיכערן מיר אז שטיצע און ריסאורסעס זענען אלעמאל צו באקומען," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "דאס נעמט אריין אונזער פארפליכטיגונג צו צוריקגעבן צו די וואס האבן געגעבן אזויפיל פאר אונזער לאנד, און איך בין שטאלץ צו זען די וויזיע קומען צום לעבן. צוזאמען, מאכן מיר א באדייטנדע טויש אין די לעבן פון אונזערע העלדן דורכאויס ניו יארק."

אנפאנגענדיג די וואך ביי די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר, און אויספירן איינס פון גאווארנער האקול'ס סטעיט פון די סטעיט פארשלאגן, שטעלט די מאביל אוטריטש צענטערן צו א אייגנארטיגע און פארזיכערטע פלאץ פאר וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער, און מיליטערישע פאמליעס צו טרעפן מיט קאנפידענס מיט א וועטעראנען בענעפיטס אדווייזער אנערקענט דורך די פאראייניגטע שטאטן אפטיילונג פון וועטעראנען אנגעלעגנהייטן (United States Department of Veterans Affairs, VA), ברענגענדיג די וויכטיגע סערוויס צו די פלעצער ארום ניו יארק סטעיט וואו וועטעראנען, סערוויס מיטגלידער און זייערע פאמיליעס ארבעטן, וואוינען, שפילן און בליען.

פון א מאביל אוטריטש צענטער, א וועטעראן, מיליטער מיטגליד, אדער מיליטערישע פאמיליע מיטגליד קענען ארבעטן מיט א וועטעראנען בענעפיטס אדווייזער אריינצוגעבן א קלאגע אדער אפילן פאר VA בענעפיטן, זיך איינשרייבן אין VA געזונטהייטקעיר, באקומען באגלייטונג איבער די פראפערטי שטייער פריישטעלונג אויף זייער ניו יארק סטעיט וואוינונג, באקומען זייער יערליכע צוטיילונג פון פרישע קאנעקט טשעקס צו באקומען ביי פארמערס' מארקעטס, און פארענדיגן יעדע אנדערע זאך וואס זיי וואלטן געקענט טון אין א געביידע פון ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון וועטעראנען סערוויסעס אפיס.

שוין, זענען נאך פארבינדונגען באשטעלט געווארן פאר די וועטעראנען אוטריש צענטערן, אריינרעכענענדיג אנטיילנעמונג אין די ניו יארק סטעיט RV פארשטעלונג אין סיראקוס און די וועטעראנען טאג פאראדע אין ניו יארק סיטי, די גרעסטע סינגל וועטעראנען טאג אוונט אין די יונייטעד סטעיטס. מענשטן וואס וואלטן געוואלט האבן א וועטעראנען מאביל אוטריטש צענטער באזוכן זייער געמיינדע אדער אנטייל נעמען אין זייער אוונט זענען געמוטיגט צו קאנטאקטירן די ניו יארק סטעיט אפטיילונס פון וועטעראנען סערוויס אויף 1-888-838-7697 צו באשטעלן.

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון וועטעראנען סערוויסעס קאמישענער וויוויאנא דעקאהען האט געזאגט,** "מיין טעגליכע צוזאג אלס די קאמישענער פון די אגענטור, און אלס א יונייטעד סטעיטס מארין קארפס וועטעראן, איז צו טרעפן און סערווירן. איך וויס ערשט-האנטיג ווי ווערדפול פעדעראלע און סטעיט ריסאורסעס קענען זיין פאר א וועטעראן אין יעדע שטאפל אין זייער איבערגאנג רייזע פון מיליטערישע דינסט צו ציווילע לעבן. די וועטעראנען מאביל אוטריטש צענטערן וועלן מאכן א גרויסע חילוק אין די לעבן פון פילע, צושטעלנדיג א לייכטע פלאץ צו קאנטאקטירן און א לייכט צוגענגליכע פלאץ פון סערוויס פאר וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער, און מיליטערישע פאמיליעס דורכאויס יעדע ראיאן פון ניו יארק סטעיט."

די וועטעראנען מאביל אוטריטש צענטער איניציאטיוו שטרייכט אונטער ניו יארק סטעיט'ס שטאנדהאפטיגע איבערגעגעבנקייט צו שטיצן אונזער סטעיט'ס וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און זייערע פאמיליעס. די פראגראם איז איינס צווישן פילע פון סטעיט וועטעראנען בענעפיטן און סערוויסעס צוגעטיילט דורך DVS און פארטנער אגענטורן וואס שטעלן צאם אינוועסטירונגען פון גאנץ איבער 200 מיליאן דאלאר שטיצנדיג ניו יארק'ס וועטעראנען און זייערע פאמיליעס אין די יעצטיגע פיסקאלע יאר.

**איבער די דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס**
די [ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס](), וואס האט געדינט אלץ די סטעיט'ס שתדלנות אגענטור פאר וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס זינט 1945, האלט זיך צו א פארפליכטונג אין די אגענטור צו באדינען אלע וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס מיט א ברייטע רייע פון סערוויסעס, אריינרעכענענדיג מיט קלאגעס און אפעלירונגען פאר בענעפיטן פון די פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט פון וועטעראנען אנגעלעגנהייטן ( Department of Veterans Affairs), אפעלירונגען פאר די טיטל נאכן באפרייט ווערן צו די פאראייניגטע שטאטן פארטיידיגונג דעפארטמענט (Department of Defense) און מיט קלעימס פאר ניו יארק סטעיט בענעפיטן. וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער, און מיליטערישע פאמיליעס ווערן געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיטן אפטיילונג אויף 888-838-7697 אדער [איר וועבזייטל]() נאכצוקומען - פערזענליך אדער פונדערהיים - מיט אן אנערקענטע וועטעראנען בענעפיטס ראטגעבער צו אדרעסירן זייערע געברויכן און באקומען דעם פולע מאס פון בענעפיטן וואס זיי האבן פארדינט. פאלגט נאך DVS אויף [פעיסבוק](), [אינסטאגראם]() און [טוויטער]().

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן